**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/15/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט אפמאך אויף סטעיט בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025**

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט אן אפמאך מיט לעגיסלאטיווע פירער אויף די פרינציפן פון די הויפט פריאריטעטן אין די ניו יארק סטעיט בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025.

"איך פארשפרעך צו קעמפן די ריכטיגע קאמפן פאר ניו יארקער, ברענגען שכל'דיגע לייזונגען און זיך באנעמען מיט די דארנדיגע אנגעלעגנהייטן וואס אנדערע איגנארירן מעגליך, און דאס איז גענוי וואס מיר האבן געטוהן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "מיר טוהען פארפילן א שכל'דיגע אגענדע: באקעמפן פארברעכן, פארעכטן אונזער גייסטישע געזונטהייט סיסטעם און בויען מער האוזינג כדי מענטשן זאלן זיך סוף כל סוף קענען ערלויבן צו וואוינען אין ניו יארק."

הויכפונקטן פון די בודזשעט רעכענען אריין:

- פארזיכערן א **היסטארישע אפמאך צו אדרעסירן ניו יארק'ס האוזינג קריזיס** דורכן אוועקשטעלן א נייע 485x שטייער באלוין פארן בויען אפּארדעבעל האוזינג; פארלענגערן די 421a באלוין פאר פראיעקטן וואס האלטן שוין אינמיטן קאנסטרוקציע; גרינגער מאכן צו איבערטוישן נישט גענוצט אפיס פלאץ צו ווערן אפּארדעבעל האוזינג; עלימינירן פארעלטערטע גרעניצן אויף ווי געדיכט הייזער קענען זיין אין ניו יארק סיטי; עפענען די פאטענציאל פון יוּניטס וואס שטייען שוין ליידיג זינט 2019; אוועקשטעלן א נייער געזעץ צו באשיצן טענאנטס פון איבערגעטריבענע פרייזן.
- אוועקשטעלן א **סטעיט-ברייטע שטייער באלוין פארן בויען אפארטמענט הייזער**; מאכן 650 מיליאן דאלאר אין געלטער אויף וועלכע די סטעיט האט שיקול הדעת וויאזוי צו פארטיילן איוסשליסליך צו פארטיילט ווערן פאר האוזינג-שטיצנדע קאמיוניטיס; גיבן אן רייץ פאר קאמיוניטיס וואס ווילן מער צוגעבויטע הייזער (אקסעסארי דוועלינג יוניטס); אינוועסטירן 500 מיליאן דאלאר צו בויען ביז אזויפיל ווי 15,000 נייע האוזינג יוניטס אויף שטחים אין די סטעיט אייגנטום; און באשיצן היים אייגנטימער פון קניין שטר גניבות.
- **זיך נעמען צו ריטעיל געשעפטן גניבות** דורכן העכערן שטראפן פאר פארברעכער וואס פאלן איבער ריטעיל ארבייטער; 40.2 מיליאן דאלאר פאר ריטעיל געשעפטן גניבות אינפארסירונג; און א $3,000 טעקס קרעדיט פאר ביזנעס אייגנטימער צו אינוועסטירן אין סעקיורעטי מאסנאמען.
- **אפשפארן אומלעגאלע קאנאביס געשעפטן** דורכן אויטאריזירן די אפיס פון קאנאביס פארוואלטונג (Office of Cannabis Management, OCM) צו פארשליסן ביזנעסער פאר א גאנצע יאר; ערלויבן לאקאלע רעגירונגען צו אריבערפירן געזעצן צו אויספירן פארשליסונג באפעהלן; אוועקשטעלן קנסות פאר לענדלארדס וואס דינגען ארויס פאר ריטעיל געשעפטן וויסנדיג אז זיי פארקויפן קאנאביס אן א לייסענס.
- באקעמפן די **שטייגנדע כוואליעס פון האסע** דורכן אויסברייטערן די צאל פארברעכנס וואס קענען אנגעקלאגט ווערן ווי האסע פארברעכנס און אינוועסטירן 35 מיליאן דאלאר אין די

'פארזיכערן קאמיוניטיס קעגן האסע' (Securing Communities Against Hate) גרענט וואס באשיצט געבעט הייזער, רעליגיעזע סקולס און אנדערע פלעצער וואס זענען אין סכנה.

- פארשטערקערן פובליק זיכערהייט דורך **געציהלטע אינוועסטירונגען אין קאמיוניטיס**, אריינרעכענענדיג 347 מיליאן דאלאר צו פארזעצן ניו יארק'ס באמיאונגען צו רעדוצירן און פארמיידן גאן פארברעכן און 35.7 מיליאן דאלאר צו פארמיידן און אנקלאגן פארברעכנס פון אביוז אין די משפחה.
- אינוועסטירן 7.1 מיליאן דאלאר צו **רעדוצירן די צאל געוועזענע פארברעכער וואס פאלן צוריק צו פארברעכן און פארבעסערן איינגלידערונג** אין די ארבעטסקראפט דורכן צושטעלן אינטענסיווע אויפזיכט איבער מענטשן אויף פּראָול, אויסברייטערן אריבערגאנג האוזינג געלעגנהייטן, אויסברייטערן קאלעדזש פראגראמען צו אלע סטעיט טורמעס און צושטעלן טראנספארטאציע פאר באזיכער פון און צו סטעיט טורמעס.
- **מאכן אונזערע געסער זיכערער** מיט א נייע אונטערנעמונג צו באקעמפן ערשיינונג פון דרייווערס וואס דרייען זיך ארויס פון צאלן טאל אויף אונזערע שאסייען און פאסאנזשירן וואס דרייען זיך ארויס פון צאלן פאר זייער רייזע אויף אונזערע סאָבוועיס.
- מאכן **רעקארד-הויכע אינוועסטירונגען אין גייסטישע געזונטהייט**, אריינרעכענענדיג 19 מיליאן דאלאר פאר גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס פאר קינדער אין סקול יארגאנג, 55 מיליאן דאלאר צו אוועקשטעלן 200 נייע בעטן פאר האספיטאליזירטע פסיכיאטרישע פאציענטן ביי סטעיט-אנגעפירטע אנשטאלטן; און פארלאנגען בעסערע גייסטישע געזונטהייט קעיר ביי שפיטעלער.
- **אינוועסטירן 31 מיליאן דאלאר צו אויסברייטערן גייסטישע געזונטהייט סערוויסעס** פאר ערשטע הילף מאנשאפט מיטגלידער און פאר מענטשן וואס מוטשענען זיך מיט גייסטישע קראנקהייט וועלכע זענען פארפלאנטערט מיט די קרימינאלע יוסטיץ סיסטעם.
- אנהאלטן אונזער 3.9 ביליאן דאלארדיגע פארשפרעך צו שטיצן **שפיטעלער אין א שווערע פינאנציעלע מצב** און 20 ביליאן דאלארדיגע אינוועסטירונג איבער עטליכע יאר צו **בויען נייע העלטקעיר אינפראסטרוקטור**, אויסברייטערן מעדיקעיר דעקונג פאר עלטערע מענטשן און טראגעדיגע ניו יארקער און העכערן די מינימום געהאלט פאר היים געהילפן.
- **באשיצן מאמעס און בעיביס** דורכן ווערן די ערשטע סטעיט אין דאס לאנד צו אפפערן באצאלטע אורלויב פאר פרויען וואס ערווארטן א קינד; פארלאנגען פון ארבעטסגעבער צו גיבן צייט פאר מאמעס וואס נוירסען צו ארויסנעמען מילך; אדרעסירן די פארשפרייטונג פון כירורגישע פראצעדורן אין מצבים ווען זיי זענען נישט נויטיג; און פארמערן צוטריט צו קעיר פאר קימפעט ('פּאָוסט-פארטום') דעפרעסיע.
- **פארזיכערן 200 מיליאן דאלאר אין איינגעשפארטע מעדיקעיד געלטער** דורך די קערפערשאפטן וואס פירן אויס פינאנציעלע אויפגאבן און דורכן זיך שטרענג נעמען צו CDPAP שווינדלערייען; אינוועסטירן **7.5 ביליאן דאלאר אין די העלט קעיר סיסטעם** אין לויף פון די קומענדיגע דריי יאר דורך אן אמענדמענט צו ניו יארק'ס מעדיקעיד סעקשען 1115 דעמאנסטראציע פראגראם צו שטיצן אן ארומנעמיגע רייע פון שריט צו שטופן פאר געזונטהייט גערעכטיגקייט, רעדוצירן געזונטהייט אומגלייכקייטן און פארשטערקערן צוטריט צו פאמיליע מעדיצין און אויפפירונג געזונטהייט קעיר אריבער די סטעיט.
- אויטאריזירן די סטעיט צו ארבעטן צו **באקומען פעדעראלע באשטעטיגונג פאר א מענעדזשד קעיר ארגאניזאציע** (managed care organization, MCO) שטייער וואס קען אויפטרייבן באדייטנדע איינקונפטן פאר די סטעיט צו קענען צושטעלן אן אינוועסטירונג איבער עטליכע יאר אין ניו יארק'ס העלט קעיר סיסטעם.
- **אינוועסטירן 150 מיליאן דאלאר צו פאראויס שטופן NY SWIMS (ניו יארק שווימט)** און צו בויען שווים באסיינען אריבער די סטעיט, העלפנדיג ניו יארקער זיך אויסלערנען צו שווימען און זיי האלטן זיכער אינעווייניג און נעבן די וואסער.
- **שטיצן ניו יארקע סטודענטן** דורך רעקארד-הויכע פינאנצירונג פאר סקולס פון פּרי-קינדערגארטן ביז 12'טע קלאס; אינוועסטירן א רעקארד-הויכע סומע פון 35.9 ביליאן דאלאר אין סקול עיד, אריינרעכענענדיג 24.9 ביליאן דאלאר אין פאַונדעישען עיד; פארקלענערן די חלק וואס

אינפלאציע שפילט ביים אויסרעכענען די סומע (די 'פארמולע') פון פאַונדעישען עיד צו ריכטיג מאכן די סומע פינאנצירונג פאר די 2024-25 סקול יאר, און אזוי אויך צו אויפנעמען די Rockefeller Institute צו דורכפירן א שטודיע צו איבערגיין די פאַונדעישען עיד פארמולע זיך צו גרייטן פאר ענדערונגען קומענדיגע יאר; זיכער מאכן אז יעדע סקול דיסטריקט באנוצט זיך מיט די רעקאמענדירטע סטאנדארטן פארן אויסלערנען קינדער וואס זענען באזירט אויף די וויסנשאפט פון לייענען כדי צו פארמערן לייענען באהאוונטקייט צווישן ניו יארקע קינדער.

- שטופן פאר א **קליענטן באשיצונג און אפארדעביליטי אגענדע** צו רעדוצירן קאסטן און האלטן געלט אין ניו יארקער'ס טאשן דורכן עלימינירן קאָופּעיס פאר אינסולין פאר טויזנטע ניו יארקער; פארשטערקערן שוץ מאסנאמען קעגן אומיושר'דיגע ביזנעס טאקטיקן; ערדרייכן די גרעסטע העכערונג אין בענעפיטן פאר באצאלטע מעדיצינישע און דיסאביליטי אורלויב אין מער פון דרייסיג יאר; און העלפן ניו יארקער באקעמפן מעדיצינישע חובות.
- **אוועקשטעלן Empire AI**, א לאנד'ס-פירנדע גרופע פון עקספערטן וואס וועלן אוועקשטעלן און עפענען א פארגעשריטענע 'ארטיפישעל אינטעלידזשענס' קאמפיוטער צענטער אין באפעלאו צו גענוצט ווערן דורך ניו יארקע קאלעדזשעס און אוניווערסיטעטן צו פארזיכערן ניו יארק'ס פלאץ אויף די סאמע פראנט פון ארטיפישעל אינטעלידזשענס און צו פאראויס שטופן AI פאר די טובה פון די פובליקום.
- צושטעלן קריטישע פינאנצירונג **שטיצע פאר פובליק טראנספארטאציע סיסטעמען אריבער די סטעיט**, אריינרעכענענדיג 7.9 ביליאן דאלאר אין אפעראציע הילף פאר די MTA, 333 מיליאן דאלאר פאר אפסטעיט טראנספארטאציע סיסטעמען און 551 מיליאן דאלאר פאר דאַונסטעיט סיסטעמען אויסער די MTA — א 5.4 פראצענטיגע העכערונג אין פינאנצירונג.
- פאראויס שטופן **לאנד'ס-פירנדע אינפראסטרוקטור פראגראממען** דורכן ביישטייערן 2.6 ביליאן דאלאר פאר די דריטע יאר פון א רעקארד-הויכע 32.9 ביליאן דאלארדיגע פינף-יאריגעDOT אינפראסטרוקטור ארבעט פלאן, פינאנצירן פראיעקטן וועלכע פארבינדן צוריק קאמיוניטיס אריבער די סטעיט און 100 מיליאן דאלאר פאר לאקאלע פראגראממען דורך דעם CHIPS פראגראם.
- מאכן **רעקארד-הויכע ענווייראמענטאלע אינוועסטירונגען** מיט 500 מיליאן דאלאר פאר ריינע וואסער, 400 מיליאן דאלאר פאר די ענווייראמענטאלע באשיצונג קאסע ( Environmental Protection Fund) און 47 מיליאן דאלאר צו שטיצן די גאווערנער'ס ציהל צו איינפלאנצען 25 מיליאן בוימער ביז 2033.

האבנדיג אן אפמאך איבער די פרינציפן פון די בודזשעט, זענען די לעגיסלאטיווע הייזער ערווארטעט אריבערצופירן בילס וועלכע וועלן איינפירן די פריאריטעטן. באזירט אויף אן ערשטיגע שאצונג פון די פארהאנדלטע ענדערונגען צו די פארגעשלאגענע עקזעקיוטיוו בודזשעט, איז די סך הכל בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 געשאצט צו זיין 237 ביליאן דאלאר. די בודזשעט פאר פיסקאלע יאר 2025 העכערט נישט אינקאָם טעקס אדער סטעיט-ברייטע ביזנעס שטייערן, און עס זעצט פאר צו אריינלייגן געלט אין די סטעיט רעזערוון אויף די אנגענומענע סטאנדארט פון 15 פראצענט 'לכל צרה שלא תבוא'.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשיימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן